ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office



פרשת ויצא

ו' כסלו תשס"ה

בס"ד ערב שבת פרשת ויצא

טייערע קינדער שלוחים,

ראש חדש כסלו איז אריבער, און די כינוס האט זיך געענדיקט, און יעדער גייט צוריק אהיים. זיכער אייערע מאמע און שוועסטער זיינען צופרידן אייך צו זעהן, אבער עס איז שווער אהיימגיין. אבער קינדערלאך, ווען מען גייט צוריק אהיים, מוז מען געדענקען אז "א חסיד איז קיינמאל ניט עלענט (אליין)" דער רבי גייט מיט אייך וואו איר גייט'ן גיט ברכות אויף אייער שליחות. קינדער, די חודש איז א חדש פון גאולה, לאמיר ארבעטן מיט נאך מער חיות צו ברענגען אין דעם חודש די גאולה השלימה בפועל ממש!

## לעבן מיט דער צייט

### ט'-י' כסלו

דער מיטעלער רבי האט געלערנט
חסידות נאכט און טאג,
אויף דער גרויסקייט פון זיין לערנען
האט מען געזאגט,
אז שניידנדיג זיין פינגער וואלט
מען בלוט נישט געזעהן,
נאר חסידות וואלט ארויסגעקומען ווייל
דאס איז וואס ער געווען!!

ט' כסלו איז די יום הולדת פון אונזער צווייטער רבי-דער מיטעלער רבי. זיין יום הולדת און יארצייט זיינען געווען אין די זעלבע טאג. דער איבערשטער זאגט אויף צדיקים "את מספר ימיך אמלא" איך וועל אנפילען דיין טעג. פונקט אזוי ווי משה רבינו וואס זיין יום הולדת און יארצייט זיינען געווען די זעלבע טאג, דער מיטעלער רבי'ס גרויסקייט איז קלאר דורך דעם וואס זיין יום הולדת און יארצייט זיינען געווען אין די זעלבע טאג.

אויף י' כסלו תקפ"ז, די יאר פאר די הסתלקות, איז געווען די חג הגאולה פון דער מיטעלער רבי. די נעקסטע יאר די חסידים האבן געפלאנט א גרויסע טאג פון שמחה אויף י' כסלו.. אבער די מיטעלער רבי איז נישט געווען געזונט און איז אוועק די טאג פאר דעם, ט' כסלו תקפ"ח.. עס איז געווען אין די צייט וואס די חסידים האבן געזונגען "דער רבי האט געהייסן פרייליך זיין, פרייליך זאל מען זיין!" אז אפילו דורך די שוועריקייטן דארפן חסידים געפינען וועגן צו זיין בשמחה.

## א הוראה פון די פרשה

### פרשת ויצא

אין די וואך'ס פרשה שטייט וועגן די ברכה פון ה' צו יעקב אבינו "ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה" - זאלסט זיך שטארקן און אויסשפרייטן אין אלע פיר זייטן פון וועלט. אין דעם איז פאראן אן אנווייזונג פאר קינדער אין צבאות ה'. אייער שליחות איז צו אויפטאן אין וועלט אז דער וועלט זאל זעהן קלאר אז "מלא כל הארץ כבודו"- אז די גאנצע וועלט איז פול מיט'ן כבוד פון דער אויבערשטער. עס פירט זיך אין אלע ארמייען, אז עס זיינען פאראן פארשידענע אפטיילונגען וואס יעדער אפטיילונג האט א ספעציאלע ארבעט.

געפינען מיר אז די צבאות ה' ווערן פארטיילט אין פיר, כנגד די פיר זייטן פון וועלט. דאס איז פארבונדען מיט אברהם, יצחק, יעקב, און דוד וואס יעדער פון זיי איז פארבונדען מיט א באזונדערע זייט פון דער וועלט. אברהם מיט דרום, יצחק מיט צפון, יעקב מיט מזרח און דוד מיט מערב.

אזוי מיט די אמהות- פיר אמהות שרה, רבקה, רחל, לאה וואס אויך זיי זיינען כנגד די ד' רוחות- "ימה וקדמה וצפונה ונגבה".

וויבאלד מיר זיינען אלע קינדער פון די אבות און אמהות דארפן אלע קינדער, אינגעלאך און מיידלאך, לערנען פון די אבות און אמהות. אזוי מיר זעען אז ביי א גשמיותדיגע ארמיי אז אמאל מאכט מען א "הויפט אטאקע" אויף איין "פראנט"-זייט. מען זאמלט איין אלע אפטיילונגען פון דער ארמיי אויף מנצח זיין איין "פראנט" פון דעם אויב.

אזוי אויך איז אין דער מלחמה קעגן דעם יצר הרע, אז פון צייט צו צייט דארף מען מאכן א "הויפט אטאקע" אויף איינעם פון דער זייטן פון מלחמה מיט די יצר הרע. אמאל זאל די "הויפט אטאקע" די הויבט אנשטרענגען, זיין אין די מעשים טובים וואס תורה דערציילט וועגן אברהם אבינו און וועגן שרה אמנו, אמאל זאל דאס זיין אין די מעשים טובים פון יצחק ורבקה, און אויך בנוגע צו יעקב ולאה און דוד ורחל.

(המשך אין עמוד 2)

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org

ב"ה



# דערציייל מיר א מעשה

דער שליח ר׳ בערל בוימגארטען פון ארג׳נטינע דערציילט אז ער איז איינמאל געווען אויפ׳ן וועג צו א געוויסע פלאץ. בכדי אנצו קומען צו די פלאץ, האט ער געדארפט נעמן זיין קאר אויף א גרויסע שיף אריבערצוגיין טיפע וואסער. פלוצלונג, האט א שטארקע רעגן אראפגעשטופט זיין קאר פון דעם שיף, און עס איז אריין אין וואסער! און עס איז געווען אין זיין קאר, און האט ניט געוואוסט וואס צו טאן. זיין קאר האט זייער שנעל, אראפגענידערט טיף טיף אין די וואסער. ער האט געפרווט ארויסגיין, אבער די שטארקייט פון די וואסער האבן עם נישט געלאזט עפענען די טיר. ר׳ בערל בוימגארטען האט געטראכט וועגן דער רבי "רבי איך בין דא אויף דיין שליחות. איך דארף אייער הילף! ראטעוועו!!"

און פונקט ווי אין דער ניגון ווען א חסיד בעט דער רבי׳ם הילף "ראטעוועו" זאגט מען צו אים "דו וועסט זיך ניט דערטרינקען!" האט ר׳ בוימגארטען געפילט ספעציעלע כוחות, און ער האט געעפנט די טיר, און געשוואומען ארויס פון וואסער.

ווען מענטשען ארום די וואסער האבן געזעהן וואס איז געשעהן, האבן זיי אלע פארשטאנען אז דאס איז א נס וואס האט געטראפען און עס מוז זיין אז ער איז א גרויסער מענטש. זיי זיינען געווען גערעכט - ער איז א שליח פון דער רבי!!

קינדער, דער רבי איז אלעמאל מיט זיין חסידים, וואו נאר זיי געפונען זיך, און זיכער ער היט זיין טייערע שלוחים וואס געבן זייער לעבן פאר דער רבי!

*(א הוראה פון די פרשה)*

צום ביישפיל, בשעת עס קומט צוגיין אן ארעמאן און דער יצר וויל איינרעדן אז ער זאל אים ניט געבן קיין צדקה חס ושלום, דארף דעמאלט זיין די הויפט אנשטרענגען לויט די אנווייזונגען פון אברהם און שרה-גמילות חסדים.

נאך א ביישפיל, ווען עס קומט די צייט פון דעם סדר הלימודים קומט צוגיין דער יצר הרע און וויל איינרעדן מען זאל עס אפלייגן אויף שפעטער. אויף דעם דארף זיין די "הויפט אטאקא" אויפ׳ן זייט פון יעקב און לאה-לערנען תורה, ווי עס שטייט אויף יעקב אז ער איז געווען אן "איש תם יושב אוהלים", וואס ער האט אלעמאל געלערנט תורה.

די זעלבע זאך איז מיט די עבודה פון יצחק און רבקה - דאווענען, און דוד המלך און רחל אמנו אין ענין מלכות. מיר, זייערע קינדער דארפן זיין שטארק אין די אלע פיר זאכן און זיין גרייט אנטקעגן יעדער אטאק פון דער יצר הרע. און אויב מען וויל, און מען ארבעט שטארק אויף דעם, מען וועט מנצח זיין, "יגעתי ומצאתי תאמין!!"

*(פון "דער רבי רעדט צום קינדער")*





A project of **CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM** a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org